מ׳וועט טאָן ענינים וואָס מ׳דאַרף טאָן בחג הסוכות, ביז אין אַן אופן פון „שמחה גדולה מאד״.

[ובפרט לפי המבואר אין חסידות, אַז בר״ה זיינען דאָ די ענינים פון „חגינו״, חג הסוכות, אין אַן אופן פון „בכסה״ (כנ״ל ס״ב)].

ובנוגע לפועל:

אַזוי ווי מ׳האָט גערעדט אין די פריערדיקע התוועדויות[65], ובשנים שלפנ״ז[66], וועגן דעם ענין פון „ושלחו מנות לאין נכון לו״ וואָס דאַרף זיין בנוגע לר״ה —

עד״ז דאַרף מען טאָן אויך בנוגע צו חג הסוכות — צושטעלן להנצרכים אַלע ענינים וואָס אידן דאַרפן האָבן כדי צו קענען פראַוועון חג הסוכות מתוך שמחה, ביז מיט אַ „שמחה גדולה מאד״.

ועד״ז דאַרף מען טאָן בנוגע צו די ימים שבינתיים (צווישן ר״ה און חג הסוכות), אַז זיי זאָלן זיין טעג אָנגע־פילטע מיט שמחה, און „שמחה גדולה מאד״,

וואָס דאָס טוט מען אויף ביי אַלע אידן אויך דורך דערויף וואָס מ׳שטעלט זיי צו, אויב עס פעלט באַ זיי, אַלעס וואָס זיי דאַרפן האָבן בכדי צו זיין בשמחה וטוב לבב,

ביז אַז מ׳קומט צו „שמחת עולם על ראשם״[67], וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט דער גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו,

וואָס „יבנה מקדש במקומו״, און דערנאָך „יקבץ נדחי ישראל״[68],

ויהי רצון — אין אַן אופן פון „הקהל את העם האנשים והנשים והטף וגרך אשר בשעריך״[69] אין דעם יאָר וואָס איז אַ שנת הקהל, שנת תשמ״א, הבא לקראתנו לטובה ולברכה.

און נאָך פאַר דערויף זאָל זיין „נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים״ בספרן של צדיקים גמורים[70], וואָס „עמך כולם צדיקים״[71] — אַז עס זאָל זיין אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה ולמטה מעשרה טפחים,

און במהרה בימינו ממש*.

(שיחת יום ב׳ דר״ה, עש״ק, תשמ״א)

---

65) שיחת ש״פ תבוא ח״י אלול ס״צ ואילך. ש״פ נצבים וילך.

66) ראה לקו״ש חי״ד ע׳ 369 ואילך.

67) ישעי׳ לה, י. נא, יא.

68) רמב״ם הל׳ מלכים ספי״א.

69) וילך לא, יב.

70) ר״ה טז, ב.

71) ישעי׳ ס, כא.

*) ברך ברכת המזון. ואח״כ אמר: כוס של ברכה וועט מען, בלי־נדר, טיילן נאָך דער התוועדות מאָרגן (שבת) בצהרים.



# ר״ה — ו׳ תשרי*

א. אין דער הפטורה פון ערשטן טאָג ראש השנה (תחילת ספר שמואל)[1] ווערט דערציילט וועגן חנה, אשת אלק־נה, וואָס דער תוכן איז, אַז פריער איז „ולחנה אין ילדים״[2], און דערנאָך, דורך איר תפלה (זייענדיק אין שילה במשכן), איז זי נפקד געוואָרן מיט אַ זון — שמואל הנביא.

דער מכוון פון קריאת ההפטורה בחגים, ווי ביי אַלע הפטורות, איז — ע״ד ווי קריאת התורה[3], מלשון הוראה[3*] — אַז אַ איד זאָל דערפון אָפּ־לערנען אַ הוראה אין דער עבודה פון אַ אידן אין דעם שבת און אין דעם חג.

און אַזוי אויך בעניננו: אע״פ אַז דער טעם פאַרוואָס מען זאָגט די הפטורה בר״ה איז ווייל[4] חנה איז נפקד געוואָרן בר״ה[5] — אַנטהאַלט אָבער די הפטורה כו״כ הוראות אין דער עבודה פון אַ אידן בראש השנה (און אויך כו״כ הוראות בכלל[6]);

און וויבאַלד אַז די „עבודה״ וואָס האָט געבראַכט צו פקידת חנה — וואָס דאָס איז די נקודה עיקרית פון דער הפטורה (בשייכותה לר״ה) כנ״ל — איז געווען איר תפלה (בשילה), איז מסתבר לומר, אַז דער לימוד עיקרי פון דער הפטורה בנוגע דער עבודה פון אַ אידן בר״ה איז אין תפלת חנה [ובפרט לויט דער דיעה וואָס ברענגט זיך אין של״ה[7], אַז (אויך) תפלת חנה איז געווען בר״ה].

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין דעם סיפור וועגן תפלת חנה, אַז פריער האָט עלי הכהן איר אָנגענומען אַלס אַ „שכורה״ (ווייל איר תפלה איז געווען אין אַן אופן פון „מדברת על לבה גו׳״) און האָט איר דערפאַר אויסגערעדט „עד מתי תשת־כרין גו׳״; און חנה האָט אים אויף דעם געענטפערט „לא אדוני גו׳ ואשפוך את נפשי לפני ה׳״[8] א.ז.וו.

דלכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק:

א) ווי קומט עס, אַז עלי הכהן זאָל האָבן אַזאַ טעות — מן הקצה אל הקצה! — אַנשטאָט צו דערקענען[9] אַז זי איז

---

*) הוא יום היארצייט של הרבנית הצדקנית מרת חנה תנצב״ה (אמו של — יבלח״ט — כ״ק אדמו״ר שליט״א). נסתלקה שבת תשובה בעת עלות המנחה שנת תשכ״ה.

1) מגילה לא, א („ומפטירין בחנה״). טושו״ע (ואדה״ז) או״ח סתקפ״ד ס״ב (ס״ז).

2) ש״א א, ב.

3) שהרי לכתחילה במקומה באה (אבודרהם סדר שחרית של שבת ופירושה. ועוד).

3*) זח״ג נג, ב. ועוד.

4) רש״י ור״ן מגילה שם. שו״ע אדה״ז שם.

5) ר״ה יא, א. וש״נ.

6) כמחז״ל (ברכות לא, סע״א) „כמה הלכתא גברוותא איכא למשמע מהנאי קראי דחנה״.

7) מס׳ ראש השנה שלו (ריד, א בהגה״ה). — והוא דלא כדרשת חז״ל (יל״ש עה״פ (שם, ג) ועלה האיש ההוא. וראה שם עה״פ (שם, ד) ויהי היום שהי׳ בעת עלי׳ לרגל.

8) ש״א שם, יג־טו.

9) להעיר דעלי נתמנה אותו היום שופט על ישראל (רש״י שם, ט) שבאותו הזמן היו הם מנהיגי העם. וגם שופט סתם — הרי דיין צ״ל „דן דין אמת לאמיתו״ (שבת י, א. וש״נ), שקשור עם עיון במחשבת הנדון (עיין בתוס׳ שם ובב״ב ח, ב).

ולהעיר, דכהנים בכלל שייכים לענין המחשבה, דעבודתם היא בחשאי וברעותא דלבא (זח״ג לט, א), וגם ע״פ נגלה הרי ענינם מה ש„הובדלו .. לעבודת הקרבנות״ (רמב״ם הל׳ כלי המקדש רפ״ד) שמחשבה עיקר בזה ולשם ששה דברים הזבח נזבח (זבחים מו, ב במשנה) ועד״ז בשאר העבודות.

מתפלל מיט אַ שפיכת הנפש, האָט ער גאָר געמיינט אַז זי איז אַ „שכורה״?

ב) אפילו מ׳זאָל געפינען אַ הסברה ווי אַזוי עלי האָט געמאַכט דעם טעות[10] — איז נאָך אַלץ ניט מובן, פאַרוואָס דערציילט מען וועגן דעם אין תורה? ס׳איז דאָך אפילו „בגנות בהמה טמאה לא דבר הכתוב״[11], עאכו״כ, להבדיל, בנוגע עלי הכהן!

ג) וויבאַלד אַז „ויחשבה .. לשכורה״[12] — פאַרוואָס האָט עלי אָפּגעוואָרט מיט זיין אויסריידן איר ביז זי האָט געענדיקט איר תפלה (ווי רש״י טייטשט אָפּ „ועלי שומר את פי״[13] — לשון המתנה) — ער האָט דאָך גלייך געדאַרפט איר מפסיק זיין און זען מ׳זאָל זי אַרויספירן פון בית הוי׳?

ג. פון דעם אַלעם איז מוכח, אַז עלי האָט איר באַטראַכט ניט אַלס שכורה אין פשוט׳ן זין[14], נאָר אַ „שכורה״ אין דעם ענין התפלה. דאָס מיינט: וויבאַלד אַז די תפלה פון חנה איז געווען אין אַן אופן פון „הרבתה להתפלל״[12] — איז עס אַ תפלה יתרה מן המדה, וואָס איז ניט קיין דבר הרצוי[15] ווען מ׳איז עומד לפני ה׳ בבית ה׳ (כדלקמן ס״ט);

און חנה׳ס ענטפער אויף דעם איז — „ואשפוך את נפשי לפני ה׳״, אַז ווען דער „הרבתה להתפלל״ איז פאַרבונדן מיט שפיכת הנפש, איז עס (ניט אַן ענין פון „שכרות״ אין תפלה, נאָר, אדרבה) אַ דרגא נעלית[15] אין תפלה.

און דאָס איז אויך די שייכות פון תפלת חנה צו ר״ה — ווייל די טענה ומענה צווישן עלי הכהן און חנה וועגן דעם אופן התפלה בבית ה׳, גיט אויך אַ פאַרשטאַנד אין דעם תוכן כללי פון תפלת חנה און פון כמה תפלות בר״ה, כדלקמן.

ד. בנוגע די תפלות פון ראש השנה געפינט מען צוויי ענינים הפכיים:

ר״ה איז דער יום הדין אויף אַלע צרכי האדם, הן ברוחניות והן בגשמיות [ווי עס שטייט[16] „כי חק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב״: חק לישראל — פון לשון[17] „הטריפני לחם חוקי״ — מיינט דער דין ומשפט אויף מזונות (כולל אַלע צרכים) גשמיים[18]; און „משפט לאלקי יעקב״ איז דער דין ומשפט אויף ענינים רוחניים[18] (וויפל ס׳זאָל נמשך ווערן „גילוי אלקות בנפשו״[19])]; און דערפאַר בעט מען אין די תפלות פון ר״ה אויף בני חיי ומזוני, און אויך אויף הצלחה אין ענינים רוחניים.

לאידך גיסא איז אָבער ידוע, אַז די נקודת העבודה (וואָס עיקרה איז בתפלה) פון ר״ה באַשטייט אין מכתיר

10) ראה רש״י (ועוד) ש״א שם, יג (יב). מפרשי הע״י ברכות שם. יד אפרים וחכמת שלמה לשו״ע או״ח סי׳ קא. ועוד.

11) ב״ב קכג, א.

12) ש״א שם, יג.

13) שם, יב.

14) להעיר מסידור (קטז, א), דמ״ש עלי עד מתי תשתכרין הו״ע „שכורת ולא מיין״.

15) ראה ברכות לב, ב וברש״י ובתוד״ה כל המאריך שם. וי״ל שקס״ד דעלי הי׳ דחנה היתה מצפה שתעשה בקשתה (וצע״ק שם לא, ב: א״ל בש״ע כו׳ דמשמע שכן הוא באמת). וצע״ק שלא הובאה מעלת המאריך בתפלתו בפוסקים שם. ואולי כלל במש״כ בטושו״ע שם ר״ס קז.

16) תהלים פא, ה.

17) משלי ל, ח. לקו״ת ר״ה נד, ד. נה, סע״ד. ד״ה כי חק תש״י ספ״ז.

18) ד״ה כי חק שם. ועוד.

19) לשון הלקו״ת שם נו, א.



זיין דעם אויבערשטן אַלס מלך[20], ובלשון חז״ל[21] „שתמליכוני עליכם״ [און ווי מען זאָגט בתפלת ר״ה „מלוך על העולם כולו בכבודך״, „מלך על כל הארץ״, ועוד] — וואָס הכתרת המלך וקבלת מלכותו איז דוקא דורך דער תנועה פון ביטול בתכלית, דורך דעם וואָס מען וואַרפט זיך איינגאַנצן אונטער צום מלך, ביז מען פילט גאָרניט די „אייגענע״ רצונות[22] (און דער ביטול רופט אַרויס ביים מלך ער זאָל „אָננעמען״ די הכתרה) —

וואָס די ענינים זיינען דאָך תרתי דסתרי: בעת מען שטייט אין אַ ביטול בתכלית (צום מלך) איז מען ניט בגדר צו טראַכטן (און בעטן) וועגן אייגענע צרכים (וואָס איז שייך נאָר דאַן ווען מען האָט אייגענע רצונות) — און דאָס איז אַזוי אפילו בשייכות צו רוחניות׳דיקע צרכים, ועאכו״כ בנוגע גשמיות׳דיקע בקשות (וואָס אויף זיי איז דער עיקר הדין פון ר״ה, כמבואר בהגהות מיימוניות[23]).

[וכידוע וואָס עס שטייט אין תיקוני זהר[24], אַז די וואָס בעטן „ביומי דכפורי״ אויף „מזונא סליחה וכפרה וחיי, כתבנו לחיים״, זיינען ווי כלבים וואָס שרייען „הב הב״, ווייל זיי טראַכטן וועגן זיך, און ניט וועגן דער שכינה.

אָבער לאידך גיסא זיינען די בקשות (אויף צרכי האדם) אַריינגעשטעלט געוואָרן אין נוסח התפלה דורך חז״ל און זיי זיינען מבאר אַז דאַמאָלס איז דער זמן רצון אויף מילוי הבקשות וכו׳, וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די בקשות דאַרפן זיין ניט (נאָר) מצד קבלת עול — וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געהייסן אַ אידן בעטן זיינע צרכים בר״ה, טוט ער אַזוי (בלויז) בכדי צו מקיים זיין דעם רצון העליון — נאָר אין אַן אופן אַז ער האָט אַ רצון והרגש אין די צרכים המבוקשים].

ד.ה. פון איין זייט דאַרף מען וועלן און מכוון זיין (אין דעם טייל פון דאַוונען), אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן זיינע צרכים[25], וואָס דערביי פאַדערט זיך, מ׳זאָל פילן די אייגענע מציאות (מרגיש זיין וואָס עס פעלט אים); און צוזאַמען דערמיט דאַרף ער זיין דורכגענומען מיט דעם דורכפירן דעם „תמליכוני עליכם״, וואָס פאָדערט אַ פולשטענדיקן ביטול, וואָס איז שולל די אייגענע מציאות.

ה. לכאורה קען מען פרעגן די זעלבע שאלה אויך בנוגע די תפלות פון כל השנה כולה:

ביי דער תפלה פון שמו״ע איז דער מתפלל כעומד לפני המלך[26], וואָס שטייענדיק פאַר אַ מלך טאָר מען ניט אַרויסווייזן קיין תנועה[27] פון אייגענער מציאות [ביז, ווי מיר געפינען אין

20) ראה בארוכה לקו״ש ח״ד ע׳ 1145 ואילך. 1354 ואילך. ח״ט ע׳ 434 ואילך. 450 ואילך. 489 ואילך. וש״נ.

21) ר״ה טז, א. לד, ב.

22) ראה ד״ה תקעו תש״א פ״ב. ד״ה יו״ט של ר״ה תש״ג פ״ב.

23) הל׳ תשובה רפ״ג בשם הרמב״ן. הובא בלקו״ת ר״ה נט, ב.

24) ת״ו (כב, א). וראה או״ת להה״מ ר״פ ויגש. אגדות חז״ל ד״ה אין עומדין (קח, סע״ג). שם בסופו (ד״ה אל תעש). ולהעיר מכתר שם טוב סי׳ של בסופו.

25) ואדרבה, זהו עיקר מ״ע דתפלה להתפלל לה׳ כאשר חסר לו איזה דבר וכיו״ב (ראה סהמ״צ להצ״צ שרש מצות התפלה בתחלתו, וש״נ).

26) ראה שבת י, א. שו״ע אדה״ז או״ח סו״ס צה. ועיין ברכות לג, רע״א: עומד לפני ממה״מ כו׳.

27) ראה שו״ע אדה״ז סי׳ קד ס״ב: עומד לפני המלך — אין לזוז ממקומו.

גמרא[28], אז אפילו „מחוה במחוג קדמי מלכא" איז א זאך פאר וועלכע עס קומט דער עונש פון היפך החיים]: און צו־זאמען דערמיט האט מען קובע געווען (פאר יעדן אידן) אין נוסח התפלה די י"ב ברכות אמצעיות, וואס תוכנן איז — שאילת צרכיו.

אבער עס איז פאראן א גרויסער חילוק צווישן תפלת ר"ה און תפלות כל השנה:

בכל השנה, נאך דער הכתרה פון ראש השנה, איז דער אויבערשטער כביכול ווי א „מלך" וואס פירט אן מיט א מדינה — דערפאר איז דאן דער ביטול פון די בני המדינה צום מלך אין אן אופן, אז עס הערט זיך אן אז ס'איז דא די מציאות און די צרכים כו' פון די אנשי המדינה, וואס מיט זיי פירט אן דער מלך; עס איז נאר וואס בשעת מען שטייט ממש לפני המלך, דארף זיין ניכר אז די גאנצע מציאות פון דער מדינה איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקע, נאר זי איז אונטערווארפן דעם מלך.

בשעת אבער מען דארף ערשט מכתיר זיין דעם (אויבערשטן אלס) מלך, ווען ער איז נאך מרומם און אפגעטראגן פון הנהגת המלוכה, פאדערט זיך א גרעסערער, טיפערער ביטול, א ביטול בתכלית אין וועלכן עס הערט זיך ניט אן קיין זאך אויסער דעם מלך אליין — שטעלט זיך די שאלה: ווי קען מען אין אזא מצב בעטן דעם מלך וועגן אייגענע צרכים?

ו. דער ביאור בזה:

דאס וואס א איד בעט אויף זיינע ענינים בר"ה, דארף זיין דער מבוקש ניט צוליב זיין תועלת, בכדי אז ער זאל האבן א ריבוי אין עניני עוה"ז (אדער, אפילו, א ריבוי אין ענינים רוחניים), נאר אלס המשך צו דער עבודה פון „תמליכוני עליכם":

כדי עס זאל זיך אויספירן דער „מלוך על העולם כולו בכבודך", אז אין דער גאנצער וועלט זאל זיך אנזען מלכותו של הקב"ה, איז דאס דורך דעם וואס א איד פארנעמט זיך מיט עניני עוה"ז און מאכט פון זיי א „מכון לשבתו ית'"[29]:

און וויבאלד אז יעדער איד האט ניצוצי קדושה וואס זיינען שייך צו זיין נשמה און וועלכע ער (דוקא) דארף מברר זיין[30] — וואס זיי זיינען מלובש אין די דברים גשמיים וואס דער אויבערשטער באשטימט לחלקו ולעבודתו — דעריבער בעט דער איד ביים אויבערשטן אז ער זאל אים משפיע זיין די זאכן (צרכים), כדי ער זאל דורך זיי אויספירן דעם (טייל פון) „מלוך על העולם כולו" וואס איז שייך צו אים.

קומט אויס, אז אויך אין בקשת צרכיו פון ר"ה איז ניט אריינגעמישט א הרגש פון מציאות האדם, ווייל ער בעט זיי נאר פאר דעם אויבערשטנ'ס וועגן[31]. ואדרבה — דאס קומט דוקא מצד דעם תכלית הביטול אין וועלכן מ'שטייט ביי דער עבודה פון הכתרת המלך: ווארום וויבאלד אז בירור הניצוצות האט צו טאן און איז פארבונדן מיט עצם הנשמה[32] —

28) חגיגה ה, ב. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1050 הערה 13.

29) לשון התניא פל"ד.

30) ראה כתר שם טוב סי' ריח. תורת הבעש"ט שהובאה לקמן בפנים סעיף ח.

31) בלשון הה"מ (או"ת שם) „להשפיע בשכינת עוזו", „בשביל השכינה".

32) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 825. קונטרס ענינה של תורת החסידות סוס"כ.



[דכשם ווי די כוונה פון „נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים"[33] (וואס ווערט דורכגעפירט דורך עבודת הבירורים) איז מושרשת בעצמותו ית'[34], עד"ז איז ביי אידן (וואס זיי פירן דורך די כוונה בפועל), אז די עבודה איז פארבונדן מיט עצם נשמתם]

וואס אין עצם הנשמה איז דאך ניט שייך דער גאנצער ענין פון אייגענע רצונות, זי איז „חבוקה ודבוקה בך .. יחידה לייחדך"[35] — איז פארשטאנדיק, אז די בקשת צרכיו (כדי צו אויספירן די כוונה עליונה) איז פארבונדן מיטן ביטול פון עצם הנשמה (וואס ווערט נתגלה אין דער עבודה פון „תמליכוני עליכם").

ז. לכאורה קען מען פרעגן: די בקשת צרכיו פון ר"ה האבן חז"ל קובע געווען אין נוסח התפלה פאר יעדער אידן אין יעדן מעמד ומצב וואס ער געפינט זיך — און ס'איז דאך ידוע איש בנפשו', אז דאס וואס ער בעט אויף צרכיו הגשמיים (והרוחניים), איז (ניט בלויז כדי עס זאל זיך אויספירן דעם אויבערשטנ'ס כוונה, נאר (עכ"פ — אויך)) דערפאר וואס ער געפינט זיך ב„מיצר" כפשוטו, ער וויל אז דער אויבערשטער זאל ממלא זיין זיינע (דעם מענטשנ'ס) צרכים „מידו המלאה כו' והרחבה" ואדרבא אין דערוף באשטייט די מצוה, וכמפורש בברכות התפלה און אין דערוף באשטייט די מעלה[36] און אויפטו פון תפלה — שיתרפא החולה וירד הגשם כו'.

איז בשלמא ווען מ'וואלט פון אים געמאנט אז ער זאל אין תפלת ר"ה כלל ניט טראכטן וועגן זיינע גשמיות'דיקע צרכים, נאר זיין גאנצע עבודה זאל זיין בלויז אין דעם ענין פון „תמליכוני עליכם" — פועל זיין ביי זיך קבלת עול מלכותו ית' — וואלט דאס קיין קשיא ניט געווען;

ווארום היות ס'איז דאן דער זמן פון „קירוב המאור אל הניצוץ"[37], איז יעדער איד מסוגל צו נתעורר ווערן מיט א הזזה עצמית צו נעענטער ווערן צום אויבערשטן, ובמילא צו פארגעסן אויף זיינע אייגענע צרכים, און האבן נאר דעם רצון צו זיין צוזאמען מיטן „מלך".

ווי מאנט מען אבער ביי יעדער אידן, אז ביי אים זאלן זיין ביידע קצוות צוזאמען: ער זאל טראכטן וועגן זיינע אייגענע צרכים און וועלן אז דער אויבערשטער זאל זיי ממלא זיין, און אין דעם גופא זאל זיך ניט אריינמישן קיין אייגענע געפילן ופניות, נאר אינגאנצן זיין אויסן פארן אויבערשטנ'ס וועגן?

ח. ווערט מען דאס פארשטיין לויטן פירוש הבעש"ט[38] אויפן פסוק[39] „רעבים גם צמאים נפשם בהם תתעטף" — אז דער הונגער און דורשט פון גוף צו א דבר מאכל אדער משקה, נעמט זיך פון דעם וואס „נפשם בהם תתעטף" — דער נפש וויל מברר זיין די ניצוצי קדושה פון דעם מאכל ומשקה (ווארום די ניצוצות זיינען שייך צו אים, „שהוא (דוקא) צריך לתקן").

33) תניא רפל"ו.

34) ראה סד"ה אם בחוקותי תרס"ז (בהמשך תרס"ו).

35) הושענות דיום ג'.

36) ראה תניא קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח. וראה רמב"ם הל' תפלה פ"א ה"ב.

37) דרך חיים יג, ריש ע"ד. כא, סע"ב. צא, א. קונטרס העבודה ספ"ה.

38) כתר שם טוב סי' קצד (כה, ג). וראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (נעתק תוכנו בלקו"ש ח"א ע' 177).

39) תהלים קז, ה.

דאָס הייסט, אַז כאָטש דער מענטש פילט בלויז זיין טבעית'דיקן הונגער צו עסן מצד הגוף, איז עס אָבער באמת דער „הונגער" פון זיין נשמה צו די ניצוצי קדושה שבמאכל וואָס געהערן צו אים.

ועד"ז איז עס בעניננו: דאָס וואָס אַ איד בעט ר"ה מיט תחנונים כו' אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן צרכיו הגשמיים והרוחניים, איז [אע"פ אַז בחיצוניות איז עס מצד דערויף וואָס אים זיינען נוגע ענינים פון בני חיי ומזוני, און זיין מציאות, איז אָבער] דער אמת און פנימיות פון דער שפיכת הנפש — דער „הונגער" פון נשמה צו אויספירן די כוונה העליונה צו מאַכן פון די דברים גשמיים אַ דירה לו ית'.

ואדרבה: דאָס גופא וואָס מ'זעט, אַז אידן ווערן נתעורר ביים זאָגן „ונתנה תוקף כו' מי ינוח כו'" פון טיפעניש פון האַרצן נאָך מערער ווי די התעוררות ביים זאָגן „מלוך על העולם כולו בכבודך" כו' — איז אַ הוכחה, אַז אַזוי איז עס אויך באמיתת הענין.

וואָרום אע"פ אַז דער טעם גלוי אויף דעם איז, ווייל זייענדיק אַ נשמה בגוף, זיינען עניני עוה"ז נעענטער צו אים און דערנעמען אים מער ווי ענינים רוחניים — איז אָבער דער טעם פנימי אין דעם, ווייל די כוונה פון עצמותו ית' איז (דוקא) אין דירה בתחתונים (כנ"ל ס"ו), ובמילא דערנעמט עס אויך אַ אידן אין עצמיות הנפש שלו;

און דערפאַר ווערט ער נתעורר וכו' אין די בקשות דוקא, וואָס בפנימיות איז דאָס די הזזה עצמית פון עצם הנשמה צו אויספירן די כוונה העליונה צו מאַכן די וועלט אַ דירה לו ית'.

ט. ווי"ל אַז דאָס איז אויך דער טעם בעבודה וואָס מען האָט קובע געווען צו זאָגן די הפטורה פון תפלת חנה ברה"ה, צוזאַמען מיט די רייד פון עלי הכהן „עד מתי תשתכרין גו'":

די טענה פון עלי איז געווען, אַז בשעת מען שטייט „לפני ה'" — „לפני קדשי הקדשים"[40] — דאַרף ניט זיין נוגע קיין זאַך אויסער דעם אַז מען איז „לפני ה'"[41]: ניטאָ קיין אָרט דאָ צו ליגן אין בקשות פאַר ענינים גשמיים און אפילו ניט פאַר אַזאַ בקשה ווי „ונתתה לאמתך זרע אנשים"[42], און בפרט נאָך אין אַן אופן פון „הרבתה להתפלל"[43] — דאָס איז דאָך אַ מצב פון „שכרות" פון אירע גוטע אָבער דאָך אייגענע (ונתתה לאמתך) רצונות[44]: איר רצון איז אַזוי שטאַרק אַז זי כאַפּט זיך ניט וואו זי געפינט זיך, אַז זי שטייט „לפני ה'".

אויף דעם האָט חנה געענטפערט „ואשפוך את נפשי לפני ה'": ניט נאָר איז איר תפלה פאַר זרע אנשים ניט קיין ענין פון „שכרות" ח"ו אין אייגענע רצונות, נאָר פאַרקערט — דאָס איז אַן אויסגוס פון פנימיות הנפש, וואָס דאָס דוקא האָט אַ שייכות צום מצב פון שטייען „לפני ה'", וכמש"נ[45] „בקשו פני (וואָרום) את

40) רלב"ג ש"א שם, יב.

41) להעיר מתורת הבעש"ט (כש"ט סצ"ז) עה"פ (תהלים קב, א) „תפלה לעני גו' ולפני ה' ישפוך שיחו".

42) ש"א שם, יא.

43) להעיר מתפלת כה"ג בהיכל ביוהכ"פ (יומא נג, ב) — שהיתה „תפלה קצרה" (שם נב, ב במשנה).

44) ומ"ש (שם, יג) „רק שפתי' נעות וקולה לא ישמע" — י"ל שאין זה ההוכחה שהיא שכורה כ"א: א) זה מורה על גודל השכרות שלה (בהתפלה על עניני עוה"ז), עד שרק שפתי' נעות גו'. ב) כן צ"ל — כדאיתא בברכות (לא, סע"א).

45) תהלים כז, ח. לקו"ת נצבים מד, ב-ג. ש"ש סו, ג ואילך.



פניך ה' אבקש"[46], וואָס האָט ניט קיין אייגענעם רצון, כל מציאותה איז וואָס „חבוקה ודבוקה בך".

דערמיט איז אויך מובן וואָס זי האָט אין איר בקשה גלייך מנדר געווען, אַז אויב „ונתת לאמתך זרע אנשים", איז — „ונתתיו לה' כל ימי חייו"[42]: זיין גאַנצער לעבן וועט זיין (ניט קיין אייגענער, נאָר) אָוועקגעגעבן צום אויבערשטן: ווייל איר בקשה אויף זרע אנשים איז ניט צוליב זיך, נאָר בלויז צוליב דעם אויבערשטנ'ס וועגן[47], וואָס ווערט דערהערט בנפשה פנימה.

יו"ד. און דערפון האָט יעדער איד אַ הוראה בעבודתו ית' אין זיין תפלה בראש השנה:

עס איז ניט גענוג וואָס די פנימיות פון אַ אידן איז כדבעי, נאָר די פנימיות דאַרף אַרויסקומען בגלוי. און דערפאַר, בשעת אַ איד שטעלט זיך ברה"ה בעטן ביים אויבערשטן אויף צרכיו הגשמיים, אָדער אפילו הרוחניים — איז דאָ די בחי' „עלי הכהן" שבנפשו, וואָס טענה'ט צו אים: „עד מתי תשתכרין"! וואָס פאַר אַ טראַכטן איצט וועגן עניני עוה"ז און אייגענע צרכים אין אַזאַ זמן פון הכתרת המלך!

אעפ"כ, דאַרף ער בעטן פאַר די ענינים, דאדרבה — דאָס גופא רופט אַרויס דעם ענטפער פון חנה, אַז ביי יעדער איד, אפילו דער וואָס דערווייל טראַכט ער וועגן זיינע הצטרכות'ן צוליב זיך, איז (די פנימיות פון) די בקשה — אַן ענין פון „ואשפוך את נפשי לפני ה'", אַן אויסגוס פון פנימיות הנפש, וואָס איז „חבוקה ודבוקה בך", איין זאַך מיט עצמותו ית'.

און כשם ווי דער ענטפער פון חנה האָט אינגאַנצן פאַרענטפערט טענת עלי, ביז אַז, אדרבא, עלי האָט מסכים געווען מיט איר — ביז צו געבן איר זיין ברכה (און הבטחה) אין דעם „ואלקי ישראל יתן את שלתך אשר שאלת מעמו"[48] — אַזוי אויך איז דער אויבערשטער ממלא די בקשה פון יעדער אידן, פאַר אַ שנה טובה ומתוקה, כפשוטה — בטוב הנראה והנגלה, בבני חיי ומזוני (ובכולם) רוויחי.

(משיחות יום ב' דר"ה תשל"ו)

46) ויש לומר, דזה שעלי לא הרגיש בזה, הוא מפני שענינו של כהן (ולוי) הוא להבדל מדרכי העולם ולעמוד לשרת לפני ה' (רמב"ם הל' שמיטה ויובל בסופן) [ובפרט להדיעה שעלי הי' כה"ג (מדרש שמואל (שוח"ט) ספ"א. רד"ק ורלב"ג ש"א שם, ט) — שיושב במקדש כל היום (רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ה ה"ז)] — ולכן מצד בחי' זו, שאילת צרכיו ולעמוד לפני ה' הם מצבים הפכים.

47) כמודגש גם בבקשתה גופא — „זרע אנשים", ופי' חז"ל (יל"ש עה"פ) „אנשים חכמים ונבונים וגדולים וצדיקים אמרה (חנה) .. שהם לשמו של הקב"ה".

48) שם, יז.